גיין, און אים זאָגן מוסר בלויז צווישן דיר און אים
אַליין. ווען ער וועט דיך הערן, האָסטו געוואונען דיין
16 ברודער. אויב אָבער ער וועט נישט הערן, זאָלסטו
נעמען מיט דיר נאָך איינעם אָדער צוויי, כּדי פֿון
דעם מויל פֿון צוויי עדות אָדער דריי זאָל יעדע זאַך
17 פֿעסטגעשטעלט ווערן. און אויב ער וועט זיי נישט
הערן, זאָג עס צו דער קהלה. ווען אָבער ער וויל די
קהלה אויך נישט הערן, זאָל ער זיין פֿאַר דיר אַזוי־
18 ווי דער גוי און דער שטייעראויפֿמאָנער. באמת זאָג
איך אייך, וואָס איר וועט אַסרן אויף דער ערד, דאָס
וועט זיין אָסור אין הימל, און וואָס איר וועט מתּיר
זיין אויף דער ערד, דאָס וועט זיין מותּר אין הימל.
19 ווייטער זאָג איך אייך, אויב צוויי פֿון אייך וועלן
מסכּים זיין אויף דער ערד וואָס שייך וועלכע עס
איז זאַך, אויף וואָס זיי ווילן בעטן, וועט עס זיי
געטון ווערן פֿון מיין פֿאָטער, וואָס איז אין הימל.
20 וואָרום וואו צוויי אָדער דריי זענען פֿאַרזאַמלט אין
מיין נאָמען, דאָרט בין איך צווישן זיי.
21 דעמאלט איז פּעטרוס צוגעגאַנגען צו אים, און
געזאָגט: האַר, וויפֿל מאָל, ווען מיין ברודער זינדיקט
קעגן מיר, דאַרף איך אים מוחל זיין? צי ביז צום
22 זיבעטן מאָל? זאָגט ישוע צו אים: איך זאָג דיר
נישט, ביז צום זיבעטן מאָל; נאָר, ביז צום זיבעציקסטן
23 מאָל זיבעטן מאָל! דערפֿאַר איז דאָס מלכות־השמים
געגליכן צו אַ מלך, וואָס האָט געוואָלט מאַכן אַ חשבון
24 מיט זיינע קנעכט. און ווי ער האָט אָנגעהויבן צו
רעכענען, האָט מען געברענגט פֿאַר אים איינעם,
וועלכער איז שולדיק געווען צען טויזנט טאַלאַנטן.
25 און ווייל ער האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן, האָט
זיין האַר באַפֿוילן, אַז מען זאָל אים פֿאַרקויפֿן מיט
זיין ווייב און קינדער און אַלץ, וואָס ער האָט,